העפטל 7 2 פעניס

# גריכישער = מאטיוו

א. נ. שטענצעל

לאָנדאָן־ווייטשעפל, מערץ 1941

## צו גריכנלאנד

דאָרט שטייען נאָך יענע וווּנדערליכע, יענע זײַלן,
די הימלען איבער דער וועלט אונטערצושפאַרן!
און העקטאָר און אַיאַס און הערקולעס,
וואָס איז פאַר זיי שרעק און טויט און געפאַרן —

אַ שפּיל פאַר כּחות נאָר — פאַר אומשטערבליכע! —
זייערע מוסקלען געוואַלטיקער נאָך צו שטאַרקען!
ווי אויף אָקסישע הערנער, פעסטע געדרייטע,
די גאַנצע וועלט צו נעמען אויף זייערע קאַרקען.

גרויזאַם־גרויליך ווי זייערע געטער זײַנען זיי,
ווען אַרעס האַק אין זייערע הענט זיי האַלטן —
מיט שפּילנדיק וואָרף צו טרעפן אין ציל־פּונקט,
אין גלײַכע צוויי העלפטן די זון כאַטש צו שפּאַלטן!

און וואָלט זי דען געווען אַזאַ גראָדע אויסגעצירקלטע,
ווען נישט מיט זײַן צירקל אַרכימעדעס — — —
אויף די עלויזישע פעלדער, ווען זי גייט גרויס אויף,
האָמער, ווי ליַינענדיק דײַן וואָרט, דײַן יעדעס.

מיט דײַנע שוימענדיקע ים־פערד, דײַנע אײַנגעשפּאַנטע,
זייער ווילדן יאָג אין דײַנע הענט געצוימטע,
איבער גאַנצער וועלט מיט זייער ליכט צו אײַלן,
פון פּראָמעטעאוס דאָס אַראָפּגעבּרענגטע — דאָס נישט געטרוימטע!

נאָך שלאָפט פּאָסיידאָן אויף טיפעניש פון ים דאָרט,
ער מוז זיך נאָר אויף צווייטער זייט זיך אויסדרייען!
און ס׳וואַקלט די וועלט ביז אין אירע אָפּגרונטן,
אַז אַלע אירע זײַלן ברעכן זיך אין צווייען.

## פּראָמעטעאוס

ס׳איז די געוואַלטיקע קאָוואַדלע דער ערד־קײַלעך,
דער האָמער, דער שווערער, אין הענט, איז מיליאָנען,
פון יעטווידן הויב שרעקלעך און הויך אויפגעהויבן,
ס׳טרייסלט פון טיטאַנען און פון געטער די טראָנען —

די קייטן פון פּראָמעטעאוס ווערן אַצינד אויפגעריסן!
אין דער גאָרער וועלט ס׳איז זיין פייער שוין צעטראָגן,
פון נידריקסטן פענסטערל לייכט עס ליכטיק ארויס שוין, —
ווי זון־אויפגיי אין הערליכע, אין פרילינג־פאַרטאָגן.

דאָרטן אין יענע בערג, פינסטערע, קאַפּקאַזישע,
נישט נאָר דאָס אָדלער־דזשובען, דאָס שאַרפע, אויסצוהאַלטן
די אייגענע ציין אין זיינע פויסטן אַריינגעביסן,
צו פאַרשטאָפּן, האַרץ־צערייסענדיק, אייגענע געוואַלטן, —

ביז נישט כלי־משחיתים מער צו קאָוען מיט זיין פייער,
אין דער בלאָז־זאַק — פון אַלע הערצער פאַרמאַטערטע!
ביז זיין פלאַם, דער געוואַלטיק צעבלאָזענער,
צעוויקלטע פענער פריילעכע צעפלאַטערטע —

דעם גאַנצן ערד־קיילעך פריידיק אַרומצונעמען,
ווי זיין גאַנצער לייב פון יסורים אַרומגענומען!
יאָ ער האָט דאָס פייער גע׳גנב׳עט פון די געטער,
אַז דער מענטש זאָל אין זיין נויט נישט פאַרקומען — —

און וועט איינער נ׳צוויטן אין זיין ליכט נישט דערזען,
ער וועט דאָס פייער צו די געטער צוריק ארויפטראָגן!
אָ, אויף זיין טראָן וועט צעאוס פון רחמנות אויפציטערן,
אַזוי־אָ וועט ער דעם גורל פון מענטש איצט באַקלאָגן — —

## צו „אייראפא״

וואָס וועט דען איבערבלייבן פון דיר „אייראָפּאַ״ ?
אַ צעשיטער קאַרטאָטעק מיט אַלע זיינע בלעטער!
און דיינע חורבות אַז מ׳וועט זיי צעגראָבן —
אויטאָמאַטן וועט מען געפינען, נישט קיין געטער!

נישט קיין געוויקלטע מומיעס, נישט אין זאַרקאָפאַגן —
אויפגעהאָנגענע אויף טעלעפאָנען־שנירן!
און וועט דען לוינען צו ענטציפערן, צו ענטדעקן
דיינע אַלע נישט־געדעקטע פאַרפעלטשטע פּאַפּירן?

מיט פיצל בליישטיפטל פיטשעדיק אָפּקאָפּירטע,
ווי דיינע מאַטאָרן מעלה־גירה׳דיקע איינער אין צווייטן — —
אָ, און ווי די אותיות אין בליי שוין געגאָסענע,
דו איבערשמעלצט זיי איצט, דיין טויט צו באַרייטן!

צו די געטער־קנעכט, צו העקטאָר, צו הערקולעס,
קאָן מען דען איינעם פון דיינע העלדן פאַרגלייכן?

וואָס וועט דען איבערבלייבן פון דיר „איראָפּאַ״,
מיט אַלע דיינע הימל־קראַצערישע הייכן!

נישט צומאָל אַ באַקכוס, אַ פאַרשייטער צעטאַנצטער,
אַ באַקראַנצטער מיט בלוטיקן־ווילד פון טרויבן,
צי גאַר אַ נאַרציס, אַ פאַר׳שכור׳טער מיט זיך,
אַ בלייך־אויסגייענדיקן פון אַזוי פיל גלויבן.

אַ קופּע פּגרים הרוגים מיט רוצחים,
ביז אין הימל אַריין — אין בלוט אים צו פאַרטרינקן!
דאָס וועט זיין דיין פּאַרנאַס, דיין אָלימפּ
מיט צעבראָכענעם כלי־זיין וויסט צו צעבלינקן.

## סיזיפוס

— — — — — — — — — — —

זויער זיינען יענע טרויבן, יענע צייטיקע,
וועלכע דערגרייכן נישט לעכצדיקע ליפּן;
און דעם ים פון זיין טיפעניש אויסשעפּן,
מ׳קאָן קיינמאָל נישט מיט געלעכערטע זיפּן — —

יאָ, נישט מער דעם שטיין קייקלען באַרג אַרויף,
ער זאָל כסדר אַראָפּקייקלען זיך ווידער —
שטיין אויף שטיין דעם באַרג צעגעמען,
זיין הויכקייט אַראָפּצוברענגען אין דער נידער —

אַז ער זאָל קענען קומען צום פאַרשטאַנד,
טאַנטאַלוס האָט גענוג שוין דערפאַר געליטן:
נישט הויכער באַרג מער, נישט טיפער טאָל —
ביידע אויסגלייכן און בלייבן אין דער מיטן —

— — — — — — — — — — — —

גרויזאַם גרויליק זיינען די געטער,
די ליבליכקייט פון מענטש אויך נישט אַ סך בעסער,
און חניפה קאָן רינען איבער ליפּן,
ווי נאָכ׳ן קוילען דאָס בלוט פון מעסער.

ברודער מיינער, אָרימער טאַנטאַלוס דו,
ס׳וועט פוילן דער ווייַנשטאָק, אויסטרוקענען די ים׳ען
און דו, אין דיין בענקעניש אין דיין ערליכער מי,
וועסט אויפגיין ווי אַ קרבן אין די פלאַמען.

ס׳איז נישט די דאַמאָקלעס־שווערט וואָס הענגט איבערן קאָפּ,
ס׳זיינען די שקר־בליקן אונטער הייליקער מיטרע!
און נישט מיט זיין כוח האָט געזיגט אודיסעאוס,
און נישט מיט זיין חכמה — מיט זיין פאַלשער כיטרע.

איצט ליגט אונטער מיין ליידיקער, מיין אויסגעהוילטער ברוסט,
אַמאָר אַליין אַ געטראָפּענער פון זיין פיילן־בויגן —
מיין געביין אַ צעשניצטער אַ העלפנביינערנער זאַרקאָפאַג ! —
צו זיין מוטער אים צו ברענגען, אים צו שטילן, אים אַנצוזויגן.
— — — — — — — — — —

## פעבוס-אפאלא

ווען ס'וואַכט אויף דער לאַרבער־וואַלד אין אַראַנטעס־טאַל,
הערן די פאַרצן דעמאָלט אויף מיט זייער שפינען ;
דער דיסק געוואָרפן פון פעבוס־אַפּאָלאָ'ס האַנט,
איז דער זון־אויפגיי אין גליאיקן באַגינען.

אין יעדן ווינקל זי זוכנדיק, שטיל זי צו געפינען,
שאַרכן, זיידן, זיינע טריט אויף די גרינע שטעגן;
און דאָס פויגל־געטשוויטשער פון לאַרבער צו לאַרבער,
דער סודות־ענטפער אויף זיין כסדרדיק פרעגן.

אַ גין־גאָלדענער, צעפינקלטער, אַ זונען־רעגן
דורכ'ן געצוויג — זיינע נישטערנדיקע בליקן ;
און דאָס שווערע אָטעמען אין דעם געדיכט פון בלעטער,
פול מיט זיין בענקעניש צום האַרץ זי צו דריקן — —

דאַפנע דו, פון דיין לייב אַ פולער מיט ענטציקן —
דאָס שוועבנדיקע אַרום פול הייליקן ציטער!
אָ, דאַפנע, וואָלסט דו נאָר געוווסט ווי ס'איז מיר —
פון מיין לייד זיינען די קרייטעכצער דאָ שוין ביטער — — —

איך וועל נאָך צוזאַמענברעכן ווי אַ בייז געוויטער,
ס'רייסט זיך געוויין אין מיר ווי אַ ווילדער פלייץ־רעגן!
אַ משוגע־געוואָרענער הערש לויף איך דאָ אַרום,
מיט זיינע אייגענע פיס פאַרפלאָנטערט ער די וועגן — — —

קו־קו! קו־קו! איז עס אַן ענטפער, אַן עכאָ פון מיין פרעגן?
זע, מיטן געצוויג פון מיינע פאַרפלאָכטענע הערנער,
מיין האַרץ גייט אויס דאָ מיט זון־פאַרגיי צווישן די שטאַמען,
נישט מיט לאַרבער — מיין קאָפּ איז באַקראַנצט מיט בלוטיקע ד

## אן ארפעאוס-מאטיוו

וואָס קאָן שוין פון אַן אָרפעאוס עפעס בעסערס ווערן,
ווי זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ פאַרוואָרצלטן בוים,
אַז זיין קאָפּ איז אַ פויגל־נעסט, אַ צעזינגטער,
מיט זיינע אַקסלען אים צו דערטראָגן נאָך קוים.

זיין איינציקע, אַ געליבטע איר נאָכצולויפן — —
און ווי נאָך מאוסער, ווען דעם איינציק געליבטן — זי!

פון אַ פּאַרוואָרצלטן בוים אַבער, פון זיין שפּיץ אַראָפּ,
איז עס תמיד: טרילילי־לי, טרילילי־לי — — —

נישט פון פאַרלאָשענער ליבע זינגט אָן אָרפעאוס,
אַז אַלע וואָס הערן זאָלן מיטווייננען אין כאָר —
פון דער זון, פון איר אויפגאַנג, פון איר אונטערגאַנג,
און איר געשיין איבער אים ס׳איז דער געליבטעס האָר.

אין געצווייג טשוויטשערט עס מיט אַלע זיינע פייגל,
און אין זיין וואָרצל־געפלעכט שמיצערט לוסטיק די גריל — — —
אַז אָרפעאוס זינגט — — ווי אין מיטן לויפן דאָס וועווריקל,
דער אַרום אויף הינטערשטע־פיסלעך האָרכנדיק שטיל.

אַז אָרפעאוס זינגט צו וועלט — איז עס צו דער געליבטער!
און זיין האַרץ ציטערט הייליק אין זיין יעדן טאָן — —
ער לייגט עס אויסגעשפּרייט צופיסנס איר אַנידער,
ווי פאַר זיין בת מלכה, פאַר איר גין־גאָלדענעם טראָן —
— — — — — — — — — — — — — —

ס׳שלאָפט די פּרינצעסין איר זיסטן, איר שטילסטן שלאָף,
מיט זיין יעדן צווייגל פּאַכיַיעט עס איבער איר קאָפּ,
און פאַר זון־אויפגיי — די טונקלע טוי־טראָפּן דעמאָלט! —
קיינער זאָל זיי נישט זען, פאַלן זיינע טרערן טראָפּ נאָך טראָפּ.

## ט א ל ע ס *)

איז עס אַ מענטש געווען, אַ חיה, אַ צענטויער, אַ גאָט,
ביים ברעג פונם ים אַ פעלז צווישן פעלזן־שפּיצן?
נישט קיין קערפּער מער, נישט פון פליייש, נישט פון געביין —
זעעוודיקע בליקן נאָר — די גאַנצע וועלט צו דורכבליצן!

איז עס פּאָסיידאָן געווען אַרויס פון זיינע טיפענישן,
אָדער אַ דערטרונקענער גאָר פון די כוואַליעס אַרויסגעשפּיגן?
נישט קיין געקומענער און נישט אויף אַוועקצוגיין —
אָן אייביקער אַזוי און אייביק אַזוי צו בלייבן ליגן!

נישט פונם מירמלשטיין פון אונזערע הערליכע בערג,
און נישט דו, וואונדערליכער פידיאַס, מיט דיין גאַנצן קענען,
און נישט פונם גאָלד פון גאָרער וועלט, פונם געגאָסענעם,
אויסצוהעמערן פון יענע שוואַרץ־אַפּלען דאָס ברענען.

אַלע שטערן פון הימל כ׳האָב שוין צוזאַמענגערעכנט,
יעדעס פעדעמל פליייש, יעדעס ביינדל פון מענטשנס גלידער — — —
יענע בליקן דערזעענדיק דאָס גרעסטע כ׳האָב געלערנט,
אַ גאָרנישט נישט־וויסנדיקער געוואָרן בין איך ווידער — — —

*) ס׳איז פאַרהאַן אַ מסורה אַז טאַלעס איז יחזקאל׳ס אַ תלמיד.

וואָס מיר קענען אָבער: איז איינער דעם אַנדערן
גאַנץ זיך נעמען און גאַנץ זיך אַוועקגעבן!

גאַנץ מיך גענומען און גאַנץ מיך אַוועקגעוואָרפן,
ווי אַ פולן שויט מיט איבערצייטיקן זוימען — — —
אַ, אַז דיין כיטרעקייט, נעבאָבולע, ס׳האָט נאָר גענוגט
מיט ליבע — און נישט מיט האַס! — מיין האַרץ אויפצושוימען.

דאָס נאָר איך קאָן עס באַוויינען, ווייל איך ווייס דאָך דיין שיינקייט,
און אַז פאַר דיין אייגענעם ליב דו האָסט געשאַרפט דאָס מעסער:
איז מיינער אין דיינע אויגן געווען שוין אַזוי פאַרמאוסט,
אַז צום טויט אויסגעקליבן דו האָסט אים נישט בעסער?

ווי די זון אין מיטן טאָג, ווי די ווענוס נאָך האַלבער נאַכט,
עס הענגט דער גורל איבער מענטשן ווי איבער געטער!
דער שוואַכער איז נאָר יענער, וואָס קאָן נישט געניסן
דעם טויט, ווען ער קומט איבערן לעבן ווי אַ רעטער — — —

## סאפא-זינגט

ווי דעם לויטערן מירמעלשטיין, רויזיק דורכלויכטענעם,
פון די פאַרגילדעטע דאָרטן, פון די בערג צו רייסן,
אַזוי אין טיפעניש ברוסט אונזערע הערצער געבראָכן,
פאַר דעם שלאַנקן לייב, פאַר דעם ליכטיקן וויסן.

דאָס אויפגייענדיקע, דאָס וואַקסן פון די ברוסטן,
רויזיק איבערלויכטן אינם שפיל פון אונזערע גלידער,
דורך יעדן טונקלען קנייטשל, שאָטנדיקע פעלדל,
פונ׳ם פאַלנדיקן טוניק און לויז־געשנירלטן מידער.

מיט יעדן בליק פאַלנדיק אויף אונזערע פנים׳ער,
אַ פריש־געשליפענער דלאָט, אַ שאַרפער געשפיצטער —
דאָס פולע שמייכעלע טיף אַרום אונזערע ליפּן,
וואָס אויסגעקריצטער, וואָס איינגעשניצטער — —

דאָס שפּילנדיקע פון טוליענדיק שלאַנקע לענדן,
נאָך הויכנדיקער שוועבנדיקער, נאָך נעפּלדיקער גרינגער — —
נימפן פון ים אַרויס, אויפשוימענדיק, אויפטאַנצדיק,
אויף שרויפנדיק מושל מיט געשטרעקטע שפּיץ־פינגער — —

— — — — — — — — — — — — —

נישט מיך — ווי מ׳צעשטויסט אַ נישט געלונגענעם הערמעס,
אַזוי האָסט דו מיך אַ צעבראָכענע פון דיר אָפּגעשטויסן!
נישט געקאָנט דערפאַסן מיר האָבן, נישט דערפילן,
דעם לעבעדיקן ציטער פון זיס־טוליענדיקע שויסן.

ווי די טויטע מומיע וועט לעבעדיקער מירמלשטיין קרישלען!
און וואָס קאָנען שוין מענטשליכע געהירן אויסקלערן!
יענעם דערזועענדיק, כ׳לויב ווידער אין צעאוס, אין פּלוטאָ —
אַן אויפטאָגנצנדיקער סאַטיר כ׳קאָן אַליין ווידער ווערן!

מיטן אויפראַט, מיטן ניל — מיט אייגעאישע וואַסערן אַצינד! —
ביז אייביק כוואַליעדיק אַזוי און אייביק אַזוי צו ווערן — — —
ס׳איז אַ רינען אין אַלע הערצער, אַ ברויזנדיק פלייצן אַזוינס,
ביז אין איין לעבעדיקן קוואַל ס׳וועט אונז אַלע צוזאַמענקלייבן.

## ס א ק ר א ט ע ס

נישט נאָר, סאָקראַטעס, דיין אומענדליכער טויט,
אויך דער בעכער פון וועלכן דו האָסטן געטרינקן,
געאייביקט איבער מענטשליכן, איבער פינסטערן לעבן,
מיט זיין גילדענעם געהעמער ליכטיק צוצעבלינקן —

אַ לעבעדיקע טויב, אַ טראָגעדיקע צום מזבח,
ביז שפּיץ־פינגער איר וואַרעמען פלאַטער צו פילן,
אַזוי יענער שירלינג־בעכער ביז צו דיינע ליפּן,
אין אויפגייענדיקן ווירויך, אין סודותדיקן פאַרהילן —

פאַרוואָס נישט גראָד און שלאַנק צו גיין דורך לעבן
און נישט בייגנדיק זיך, אַזוי־אָ צו שטאַרבן,
אַז אַ שלאַנק געפעס צעקאַלעטשעט און צעבראָכן,
אומענדלעך ס׳קאָן בלייבן מיט זיין יעדן פּיצל שאַרבן — — —

נישט נאָר, סאָקראַטעס דיין אומענדליכע, דיאָטימאַ,
אין אַלע הערצער מיט איר זיך צו אייביקן,
נאָר דיין קסאַנטיפּע — דער גורל פון דיין לעבן! —
מאַכט מענטש צו מענש פול האָפעדיקן גלויביקן —

פון צוויי הענט, גלעטנדיקע — גליאיק־געהעמערטע! —
דער מענטשליכער לייב מיט לעבן אַ באַצירטער — —
און אַז אַ טאָרזאָ נאָר ס׳בלייבט, אין אַ צווייטנס האַרץ,
און אפילו אין די בליקן בלויז פון אַ פאַרפירטער — —

— — — — — — — — —

אַרום דיין נאָמען סאָקראַטעס מיר שטייען אַרום,
יענע קינדער יענע פאַרפירטע פולע מיט ענטציקן, —
און דיין לעבן און דיין טויט און אַלע דיינע רייד
אייביק אויפצולייכטן אין אַלעמענס בליקן.

## קאַרעאַטידן

שלאַנקע קאַרעאַטידן האַלטן נישט מער די קאַרניזן —
דער אַריינגאַנג צום הייליקטום ס'איז פאַרשיט געוואָרן!
זיי אַליין זיינען די חורבות, די שטרויכל־שטיינער,
געקרישל פון מירמלשטיין, דורכזעעוודיקן קלאָרן.

דאָס שוועבנדיקע, דאָס שלאַנקע פון זייערע לענדן,
אַרום זייערע ליפּן דער שמייכל פול טוליענדיק ליבן,
און איבער זייערע בליקן דער גיבלדיקער שטערן,
אַלצדינג אין פּיץ־פּיצעלעך און שטויב ס'איז צעריבן.

יאָ, אַטלאַסן אויף זיין שטאָלץ־געניגטן, טראַגנדיקן נאַקן
ס'איז מיט אַ שטויבעלע נישט שווערער און נישט גרינגער
ס'איז אָבער אַ חילוק צי ס'שפּילן זיך ווינדן מיט רואינען,
אָדער קאַרעאַטידן מיט זייערע שלאַנק שפּילנדיקע פינגער.

פול זיינען זיינע אויגן מיט שטויב, מיט ברענענדיקן,
אַן איינציקן טראָט נישט צו זען מער ווייטער צו מאַכן,
אין די רינענדיקע טרערן זיך אויסצוגליטשן,
און די טראַגנדיקע ערד אויף שטיקלעך צו צעקראַכן.

יאָ, ס'איז דער ערד־קיילעך דער זעלבער ליימענער פּאַס,
די ליכטיקע זון — דער אַנגעצונדענער לאָמטערן!
נאָר קיין גלויביקער, קיין דיאָגענעס, איז נישטאָ מער,
אַ מענטש נאָך צו גיין זוכן אין דעם וויסטן און לערן.

יאָ, ס'איז די פינסטערע ערד דער דרייענדיקער דריי־פוס,
די לבנה — דאָס פּנים פון דער הייליקער סיבילע!
נאָר זי זאָגט שוין נישט אויס קיינעם וואָס ס'וועט זיין מע
און נישט צומאָל, זי קאָן נאָך שעפּטשען פאַר זיך אַ תפילה

## דאס קלאג-ליד איבער נעאבולע

און וואָס איז דען ליבע און וואָס איז דען שנאה,
קאָן מען דען נישט, ווי דאָס ערשטע, דאָס צווייטע געניסן
ברייטעט זיך די ברוסט נישט פון שטאַרקן אָטעם,
ווען דיין שונא אַ געמאַרדעטער ליגט דיר צופיסן?

און וואָס איז דען גוטסקייט און וואָס איז דען קנאה,
ווינען זיי דען נישט ביידע אין האַרצן פון אַטענע?
אָ, יענער הערליכער, יענער קאַמף — טרויאַ! —
און וואָס שאַט עס אַז אַ פאַלשע געווען איז העלענע?

עס זינגט איר ליד אַנאַנקע און מיר זינגען עס נאָך!
דאָס איז אַלצדינג וואָס מיר וויסן פון טויט און פון לעבן